Syracuse University

SURFACE

Religion | College of Arts and Sciences

Summer 2000

# Excerpt from Fishke the Lame

Mendele Moykher Sforim
*(Sholem Yankev Abramovitsh)*

Follow this and additional works at: https://surface.syr.edu/rel

Part of the Religion Commons

## Recommended Citation

Sforim, Mendele Moykher, "Excerpt from Fishke the Lame" (2000). *Religion*. 66.
https://surface.syr.edu/rel/66

This Other is brought to you for free and open access by the College of Arts and Sciences at SURFACE. It has been accepted for inclusion in Religion by an authorized administrator of SURFACE. For more information, please contact surface@syr.edu.

Pakn Treger 33 (Summer 2000): 24-33



*Excerpt from*

אָפּקלײַב פֿון

# Fishke the Lame

# פֿישקע דער קרומער

## by Mendele Moykher Sforim (Sholem Yankev Abramovitsh)

## מענדעלע מוכר ספֿרים

*Translated by Ken Frieden*
*Illustrated by Mordicai Gerstein*

איבערגעזעצט פֿון יעקבֿ זיו פֿרידען
אילוסטרירט פֿון מרדכי גערשטיין

*FISHKE THE LAME* (*Fishke der krumer*, 1869) was S.Y. Abramovitsh's third and best Yiddish novel. He previously published *The Little Man (Dos kleyne mentshele*, 1864-65) and *The Magic Ring (Dos vintshfingerl*, 1865), which introduce the character of Mendele the Book Peddler. In *Fishke the Lame*, Abramovitsh gives Mendele a more central role, and this fictional persona was so convincing that it eclipsed the enlightened author's flesh-and-blood identity. Eventually, the author became known by his most famous character's name.



S.Y. Abramovitsh

Many readers have admired S. Y. Abramovitsh's novel *Fishke the Lame*, but only a few have read the original version. In 1888 the author expanded his 45-page story into a full-length novel, and subsequent editions have consigned the original to oblivion. There are, however, reasons to prefer the earlier text on which the present translation is based.

Abramovitsh's novels tend to be short on plot and long on description. In contrast, the style of *Fishke the Lame* (1869) is leaner and more direct. Reb Mendele digresses, as always, but the overall effect is tighter. Moreover, Abramovitsh was brutally honest in his early social criticism, and he sometimes toned down the critical passages in later editions. After he became director of the Odessa Talmud-Torah in 1881, he felt less free to express his views.

One of the pleasures of *Fishke the Lame* is its narrative voice, or rather voices. The novel begins with Mendele the Book Peddler traveling on the seventeenth of Tammuz, then shifts to Reb Alter's account of a matchmaking mishap, and later moves to Fishke's story of his misfortunes. Alter's comic mistake sets the scene for Abramovitsh's critique of Jewish marriage practices in the Pale of Settlement. Without explaining the social causes, the novel presents the plight of impoverished Jews like Fishke and his cohorts, wandering Jewish beggars.

According to literary historians, Abramovitsh drew his character Fishke from life, basing him on a beggar named Avreml the Lame. At an early age, Abramovitsh traveled south with Avreml, and along the way he saw the poorest of homeless Jews. This experience provided the necessary background for Fishke's saga. The story is held together, however, by the frame narrative about Mendele and Alter.

Translated here are the first three sections, narrated by Mendele and Alter, which represent about a third of the 1869 text. Literal translation is not always best, even in a bilingual printing. One illustrative phrase occurs in the second paragraph, where the Yiddish reads: *"Di tvue af di felder, di beymer in di velder zenen geshtanen shtil...."* Literally, this means that the grain in the fields and the trees in the forests stood still, but a definite rhythm and rhyme are part of the literary effect. Hence the less literal version: "From the wheat in the fields to the trees on the hill, nature stood still."

The translator wishes to thank Sheva Zucker and Brooks Haxton for their helpful comments on the text. He also benefited from Ted Gorelick's translation of the longer version of *Fishke the Lame*, which was published by Schocken Books in *Tales of Mendele the Book Peddler*.

---

*Ken Frieden is B. G. Rudolph Professor of Judaic Studies at Syracuse University and author of* Classic Yiddish Fiction: Abramovitsh, Sholem Aleichem, and Peretz *(Albany: SUNY Press, 1995).*

# ONE

Last year, in the summer of 1868, after I stocked up some fresh goods and packed my wagon with all sorts of books, I lit out on my travels to those distant places where, thank God, Reb Mendele and his wares are still valued. You've got to know those Jews. They like it when the pages of a book are all colors and sizes, the letters are a little blurred, and every page is printed in different type: Rashi script, pica, elite, bold, pearl, italic, you name it. Don't worry about mistakes, because a Jew has a head on his shoulders and can figure things out. One printer from Obmanov, may he rest in peace, discovered the secret of what Jews like, and his books – even the most insignificant – sold like hotcakes. But I'm getting off the point.

It was afternoon on the seventeenth of Tammuz, a fast day in July, when I turned off the main road a few miles short of Glupsk. The sky was clear and blue without a trace of clouds, the sun scorched and burned the land. There was no air to breathe and no breeze. From the wheat in the fields to the trees on the hill, nature stood still. You remember the dreadful dry heat last summer, when not a leaf stirred. Jews moved heaven and earth – everywhere they said Psalms, wailed, fasted – but for the longest time God didn't want to grant even a single drop of rain. The grass in the pastures turned brown. The miserable cows lay exhausted with their necks outstretched, ears twitching, chewing the cud. Others rooted around in the ground with their horns, scraped their hooves, and bellowed at the heat. Nearby stood horses leaning their heads across each other, making a bit of shade, and chasing away flies with their tails. It broke my heart to see them, and yet God didn't want to give a drop of rain, even for the sake of the innocent beasts. Everywhere it was calm and you could hear each rustle or peep, but not a single bird was out – only mosquitoes swarmed like evil spirits. Now and then they would dance by, take a



# א

נאָך דעם אַז איך האָב פֿאַר אַ יאָרן זומער, תּרכ״ח, באַצויגן אַ פֿריש ביסל סחורה און אָנגעפּאַקט מײַן בײַדל מיט אַלערלײ ספֿרים, האָב איך מיך געלאָזט אויף מײַן נסיעה אין די מקומות, וואָס ר׳ מענדעלע מיט זײַן סחורה האָבן נאָך דאָרטן, דאַנקען גאָט, אַ ווערט. מען דאַרף קענען יענע ייִדן, זיי האָבן ליב אַז די בלעטלעך פֿון אַ ספֿר זענען פֿון כּל־המיני קאָלירן און ניט פֿון איין גרייס: אַז די אותיות זענען אַ ביסל מטושטש און איטלעכס בלעטל איז אָפּגעדרוקט מיט אַלע מינים שריפֿט: מיט רש״י, דימענט, פּערל, ציצעראָ, פּרקים גרויס און קליין וועליש. גרײַזן שאַדט אויך ניט, אַ ייִד האָט אַ קעפּל און קען זיך אָנשטויסן וואָס מען מיינט. דער אָבמאַנאָווער דרוקער עליו־השלום האָט געוווּסט פֿון דעם סוד און דעריבער האָט מען זײַנע ספֿרים פֿאַרצוקערט, פֿאַר אַ מינדסטע קלייניקייט האָט מען געצאָלט אין טאָג אַרײַן. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן.

שיבֿעה־עשׂר בתּמוז נאָך האַלבן טאָג האָב איך מיך אַראָפּגענומען פֿון דעם גרויסן טראַקט, עטלעכע ווערסט פֿאַר גלופּסק. דער הימל איז געווען לויטער, בלוי, אָן אַ פּיצל וואָלקן, די זון האָט געבראָטן, געסמאַליעט, מען האָט ניט געפֿילט קיין ליפֿטעלע, עס האָט ניט געווייעט קיין ווינטעלע. די תּבֿואה אויף די פֿעלדער, די ביימער אין די וועלדער זענען געשטאַנען שטיל אַזוי ווי צוגעקאָוועט, קיין בלעטל האָט זיך אַפֿילו קיין שאָקל ניט געטאָן, ווער געדענקט ניט פֿאַר אַ יאָרן זומער די שרעקלעך טרוקענע היץ. ייִדן, ניט הײַנט געדאַכט, האָבן אײַנגעלייגט די וועלט, אומעטום האָט מען געזאָגט תּהילים, געוויינט, געפֿאַסט, גאָט אָבער האָט אַ לאַנגע צײַט ניט געוואָלט געבן אַפֿילו קיין איין טראָפּן רעגן. די גראָז אויף דער פּאַשע איז געוואָרן פֿאַרברענט. קי נעבעך זענען געלעגן מיד אויסגעשטרעקט די העלדזער, האָבן צו ווײַלן געשאָקלט די אויערן און מעלה־גרה געווען, אַנדערע האָבן געגראָבן אונטער זיך די ערד מיט זייערע הערנער, געשאַרט מיט די קאָפּעטעס און גערעוועט פֿאַר גרויס היץ. ניט ווײַט פֿון זיי זענען געשטאַנען פֿערד פֿאַרלייגט די קעפּ איינער אויף דעם אַנדערן צו מאַכן כאָטשע עפּעס אַ שאָטן און געשמיסן מיט די ווײדלען ווי עס איז פּטור צו ווערן פֿון די פֿליגן. דאָס האַרץ האָט געריסן קוקנדיק אויף זיי און גאָט האָט פֿאָרט ניט געוואָלט געבן קיין רעגן אַפֿילו צוליב די אומשולדיקע בהמות וועגן. אויף דעם גאַנצן וועג איז געווען שטיל, מען זאָל דאָס הערן ערגעץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, קיין פֿויגל אַפֿילו איז ניט געפֿלויגן, נאָר קאָמאַרן האָבן אין דער לופֿט ווי די רוחות אַרום געטאַנצט, פֿלעגן צו ווײַלן טאַנצענדיק פֿליִען פֿאַרבײַ די אויערן, אַ ביס טאָן, אַ זומזע טאָן, אַ שמוצער טאָן גלײַך ווי זיי וואָלטן אײַנגערוימט עפּעס אַ סוד, און טאַקע באַלד מאַרש ווײַטער. ניט דאָס אָבער בין איך אויסן.

איך בין מיר פֿאַר גרויס היץ געזעסן פּשוט צעלייגט אויף דעם וואָגן, איך בעט אײַך מחילה, אין

bite, and buzz and hiss in your ears. As if they'd come to whisper a secret and then march on. But I'm getting off the point.

In the intense heat I sat stretched out on my wagon, stripped down – if you'll excuse my saying so – to my undershirt and fringed garment. A stitched plush cap was pushed back on my head and woolen stockings from Bratslav were rolled down to my heels. I wear them even in the summer, to atone for my sins, and I sweated heavily. Actually, if the sun hadn't been full in my face I might have enjoyed this, because I like to sweat and can lie for hours on the upper benches of the bathhouse at the hottest time of year. My father, may he rest in peace, was a hot, burning, fiery Jew who got me used to the heat since childhood. He so liked to steam up and sweat that he was famous for it. Sweating is, after all, a Jewish business, and who in this world sweats more than a Jew? But I'm getting off the point. My wretched horse also worked up quite a sweat. I should tell you that he hasn't changed a bit except that now he limps around with a swollen back foot wrapped in rags. One of his eyes oozes pus and there's a nasty cut where the bridle rubs against his neck. What difference does it make if a Jew's horse isn't pretty, so long as it can walk? I took pity on him and tied long strips of paper to his chewed up tail – let me tell you, this is a great trick to drive away flies and mosquitoes. But I'm getting off the point again. Behind me followed a second wagon made of old, torn straw mats. It bounced along on four uneven, squeaky wheels, pulled by an old nag that was tall, thin, with a bruised and scratched back, and big ears. Its knotted mane was tangled in hay and straw that stuck out of the fraying bridle. Leaning his head on his hands, high up on the wagon lay a heavyset Jew with a fat belly, red as a beet, sunburned, dripping sweat from his hairy chest, and it broke my heart to look at him. It was wine 'n candles Alter, my good friend, a book peddler from Tuneyadevke. We had met up along the way a few minutes earlier.

At about one o'clock we came to the woods at the foot of Green



זעמד מיט דעם טלית־קטן אונטערגעהויבן אויף דעם שפּיץ קאָפּ מײַן געשטעפּט פּעלפּן היטל און אַראָפּגעלאָזט ביז די פּיאַטעס מײַנע אונטערגענייטע ברעסלעווער וואָלענע זאָקן, וואָס איך טראָג זיי בעוונותינו־הרבים אַפֿילו אום זומער, און האָב שטאַרק געשוויצט. איך וואָלט אַפֿילו דערפֿון אי גאַנץ הנאה געהאַט ווען די זון זאָל מיר ניט זײַן סאַמע אין פּנים, מחמת איך האָב ליב צו שוויצן און קען שעהען לאַנג אַוועקליגן אין באָד העט העט אויף דער אייבערשטער באַנק בשעת דער גרעסטער היץ. מײַן טאַטע זאָל זיך מ׳ען האָט מיך דערצו פֿון קינדווײַז אָן געוויינט, ער איז געווען אַ הייסער, אַ ברענענדיקער, אַ פֿײַערדיקער ייִד. ער האָט זיך עליו־השלום זייער ליב געהאַט צו פּאַרען, צו שוויצן און האָט דערמיט קונה־שם געווען. שוויצן איז אַ ייִדישע זאַך, ווער אונטער אַלע אומות שוויצט נאָך אויף דער וועלט מער ווי אַ ייִד?... נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. מײַן פֿערדל נעבעך האָט אויך קיין מעשׂה ניט געשוויצט. איר מוזט וויסן, אַז בכלל האָט זיך מײַן פֿערדל גאָר ניט פֿאַרענדערט, נאָר וואָס



Mountain outside Glupsk. Green Mountain is known almost the world over from an old song about it. Everywhere children sing this song; nurses and nannies sing it to suckling babies. My mother, may her soul rest in Paradise, when she wanted to distract me so that I wouldn't cry, used to sing these words:

*High up on Green Mountain,*
*Tall grass brushing their hips,*
*Stand two stylish Prussians*
*Brandishing whips. . . .*

I always liked the song, and it amused me more than any other lullaby. From a distance, Green Mountain seemed so beautiful that I imagined it was made of something other than earth. Green Mountain brought to mind the hills of Lebanon and the Holy Land. Not to mention those Prussians, who seemed, begging their pardon, like oxen, wild beasts, mythical creatures grazing on the tall grass of Green Mountain. But I'm getting off the point.

We unhitched our horses, which were ready to drop, and let them drag themselves off to graze on Green Mountain. Then we lay down under a tree.

## TWO

Reb Alter could scarcely breathe in the heat, and troubles weighed on him. He moaned and groaned, cackled like a hen; and hearing him pierced me to the heart.

"Hot enough for you, Reb Alter?" I said, trying to make conversation.

"Bah!" he answered and moved deeper into the shade.

"I reckon the fast has got you feeling really lousy," I said.



אַ הינטערשטער פֿוס איז אים שטאַרק געשוואָלן און פֿאַרבונדן מיט שמאַטעס, עס רינט אים נאָך דערצו אַ ביסל פֿון איין אויג און דער האַלדז יאַטרעט זיך אַ ביסל, אָנגעריבן פֿון דעם כאָמעט. נאָר וואָס מאַכט עס אויס אַז אַ ייִדנס אַ פֿערד איז ניט אַזוי שיין, אַבי עס גייט. פֿאַר רחמנות האָב איך צוגעבונדן אויף מײַן פֿערדלס אויסגעקראָכענעם וויידל גאַנץ לאַנגע פּאַסן פּאַפּיר געדרוקט מיט געשיוועט, איך זאָג אײַך ייִדן, דאָס איז זייער אַ גוט מיטל צו פֿאַרטרײַבן פֿליגן און קאָמאַרן....

ניט דאָס אָבער בין איך אויסן. הינטער מיר איז נאָכגעפֿאָרן נאָך אַ בײַדל פֿון אַלטע צעריסענע ראָגאָזשעס אויף פֿיר ניט קיין גלײַכע רעדער, וואָס האָבן משונה געסקריפּעט, מיט אַן אַלטע שקאַפּע, אַ הויכע, אַ דאַרע מיט אַ קרעציקן אָנגעביסענעם רוקן גאָלע אייטער, מיט גרויסע אויערן און אַ קאָלטענעוואַטע גריווע פֿאַרפּוטעט מיט היי און שטרוי וואָס איז אַרויסגעקראָכן פֿון דעם אַלטן צעריסענעם כאָמעט. אויף דעם וואָגן אין דער הייך איז געלעגן ראַקעם אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט בײדע הענד אַ יאָדערדיג ייִדל מיט אַ דיק בײַכל, רויט ווי אַ צוויק, צעכראַסטעט מיט דעם רויט פֿאַרוואָקסענעם האַרצן אין דרויסן, פֿאַרברענט, פֿאַרבראָטן און נויטשווייס האָט פֿון אים געשלאָגן, אַז עס האָט, שׂונא־ציון, אויסגעריסן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף אים. דאָס ייִדל איז ר׳ אַלטער יקנה״ז, אַ טונעיאַדעווקער מוכר־ספֿרים, מײַנער אַ גוטער ברודער. מיר האָבן זיך אַ פֿערטל שעה פֿריִער באַגעגנט אויף דעם וועג.

אַרום זייגער איינס זענען מיר געקומען צו דעם וועלדעלע וואָס געפֿינט זיך אויף דעם גרינעם באַרג פֿאַר גלופּסק.

דער גלופּסקער גרינער באַרג איז באַקאַנט כמעט דער גאַנצער וועלט. פֿון אַ גאַנץ לאַנגער צײַט גייט איבער אים אַרום צווישן דעם עולם אַ לידל, וואָס אַלע קינדער זינגען עס, וואָס אַלע אַמען און ניאַנקעס ניאַנטשען דערמיט די קינדער. מײַן מאַמע, זאָל האָבן אַ לעכטיקן גן־עדן, ווען זי האָט מיך אין דער יוגנט געוואָלט אַ ביסל זאַבאַווען איך זאָל ניט וויינען, פֿלעגט זי מיר אַלץ זינגען דעם לידל:

אויף דעם גרינעם באַרג
אויף דעם הויכן גראָז
שטייען אַ פּאָר דײַטשן
מיט די לאַנגע בײַטשן
קורצע קליידער טראָגן זיי, וכו׳

דאָס לידל איז מיר תּמיד זייער געפֿעלן, עס האָט מיך זאַבאַוועט אַ סך בעסער פֿון אַלע אַנדערע לידלעך. עפּעס איז מיר אַזוי וווּנדער שיין פֿאָרגעקומען דער גרינער באַרג. עס האָט זיך מיר פֿון



"Bah!" said Reb Alter again.

But I couldn't leave it at that. I was getting bored and wanted to talk a bit, so I tried again.

"From what you've said, Reb Alter, I gather you're coming back from Yarmelinetz. Do any good business at the town fair?"

"Bah!" said Reb Alter once more and twisted his lips.

"Bah, what?" I asked, getting annoyed. "Why can't you just answer my question?"

"Don't ask, don't ask," Reb Alter finally said with a sigh. "I got what was coming to me at the fair. It serves me right, and I should give up the business."

I kept bothering Alter, long and hard, until he told me all about his mishap at the fair.

ווײַטנס אויסגעדאַכט, ער איז ניט גלאַט פּראָסט פֿון ערד ווי די בערגלעך אַרום מײַן שטעטל, ער איז עפּעס אַזוי ווי דער באַרג לבֿנון פֿון ארץ־ישׂראל־ערד. ווער שמועסט די דײַטשלעך, זיי זענען מיר פֿאָרגעקומען עפּעס שטאַרק ווילד, איך בעט זיי מחילה, עפּעס אַזעלכע מיני בהמות, אָקסן, ווי דער שור־הבר, וואָס שטייט אויך און פּאַשעט זיך אויף די גרינע בערג, אויף דעם הויכן גראָז. נאָר ניט דאָס אָבער בין איך אויסן.

מיר האָבן אויסגעשפּאַנט אונדזערע פֿערדלעך, וואָס האָבן זיך נעבעך קוים קוים געשלעפּט און זיי געלאָזט זיך אונטערצופּאַשען אויף דעם גרינעם באַרג. אַליין האָבן מיר זיך אונטערגעלייגט אונטער אַ בוים.

ב

ר׳ אַלטער האָט קוים געדיכעט פֿאַר היץ, אַנגסטן האָבן אויף אים געשלאָגן. ער האָט געסאָפּעט ווי אַ גאַנדז און געזיפֿצט, געקרעכצט, אַז עס האָט מיך פֿאַרוואָר בײַ דעם האַרצן אָנגעכאַפּט.

עס איז אײַך אַ פּנים ר׳ אַלטער געשמאַק הייס, האָב איך געמאַכט אַ שמועס. בע, האָט ר׳ אַלטער געענטפֿערט און זיך אַלץ גערוקט אונטער דעם בוים.

עס איז אײַך אַ פּנים אָנגעדאָסט אויף דעם האַרצן פֿון דעם תּענית, וואָס איר קרעכצט אַזוי, האָב איך מיך ווײַטער אָנגערופֿן. בע, האָט ר׳ אַלטער ווידער געענטפֿערט.

איך האָב אָבער מיט בע אַליין זיך ניט געוואָלט באַגניגן. מיר איז געווען זייער סקוטשנע און האָב געוואָלט אַ ביסל רעדן, דעריבער האָב איך ווידער געמאַכט אַ שמועס: כּפֿי ווי איר האָט מיר געזאָגט, ר׳ אַלטער, פֿאָרט איר פֿון יאַרמעלינעץ, האָט איר עפּעס דאָרטן אויף דעם יריד געמאַכט גוטע געשעפֿטן?

בע, האָט ר׳ אַלטער נאָך אַ מאָל געענטפֿערט און פֿאַרקרימט אַ ביסל די ליפּן. וואָס בע? האָב איך מיך אָנגערופֿן מיט אַ ביסל פֿאַרדראָס. פֿאַר וואָס ענטפֿערט איר מיר ניט אויף דעם, וואָס איך פֿרעג אײַך?

אָך פֿרעגט גאָר ניט, פֿרעגט גאָר ניט, האָט ר׳ אַלטער צום סוף געזאָגט מיט אַ קרעכץ. איך האָב אויף דעם יריד געכאַפּט מײַן פּסק. רעכט אויף מיר רעכט, זאָנימײַע זיך ניט ווײַטער ניט מיט דײַנע עסקים.

איך האָב מיך אַזוי לאַנג אַזוי ברייט צוגעטשעפּעט צו ר׳ אַלטערן ביז ער האָט מיר דערציילט פֿון זײַן אומגליק אויף דעם יריד.

קומענדיק אויף דעם יריד, האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן מיט אַ קרעכץ, האָב איך מיך

"When I arrived at the fair," he began and groaned again, "I tied up my wagon as usual and laid out my wares on the main square. I had great hopes for the Yarmelinetz fair, you should know, because I'm in a bad way. The printer wants me to pay up or he won't send another book. My eldest daughter is getting on in years and needs to be married off. My wife bore us another son not long back and so, praise God, I'm raising a brood of kids without a penny in my pocket."

"Excuse me for interrupting, Reb Alter," I said, "but why, at your age, did you go and marry a young wife who'd bear you so many kids?"

"God help you," Reb Alter answered. "I needed someone to keep house. Why else does a Jew get married?"

"So why," I said, "did you divorce your first wife? She was a good housekeeper, wasn't she?"

"Bah!" said Reb Alter with a grimace.

Among us Jews, "bah" is a very useful word. It seems no other people or language has such a word that answers every question. "Bah" comes in handy at any time and will always serve. Even Reb Yosl, who gives advice to all the people of Glupsk, waits until a person has talked himself blue in the face, puts on a serious look, and says, "Bah!" Though Reb Yosl hasn't been listening to a single word, it comes out like a pearl of wisdom and everyone is satisfied. Or when some hapless man chances upon Reb Nisl, the town arbitrator, and says, "How can it be that I put myself at your mercy, gave you a fortune, and yet you sold me cheap like a sheep for slaughter? Come on, speak up!" Then our Reb Nisl calmly answers with a simple "Bah!" And he stays in the right. People take this as a valid explanation and the very next day another loser entrusts his fate to Reb Nisl. Or when a Jew puts a ruble in front of Reb Abba, our rabbinical judge, for a legal decision, and asks if it is enough, Reb Abba makes a face and says, "Bah!" The Jew catches his drift and, with a heavy heart, adds a few



געשטעלט מיט מײַן בײַדל, ווי דער סדר איז, אויף דעם פּלאַץ, און צעפּאַקט מײַן ביסל סחורה. איר מוזט וויסן אַז איך האָב אויף יאַרמעליִנעצער יריד שטאַרק אַרויסגעקוקט, מחמת איך בין הײַנט אַ גרויסער נצרך. דער דרוקער מאָנט געלט, ער וויל שוין מער ניט געבן קיין סחורה, מײַן עלטערע בתולה איז שוין אין די יאָרן, מען מוז איר חתונה מאַכן, דערצו נאָך האָט מײַן ווײַב ערשט ניט לאַנג געהאַט נאָך אַ ייִנגל, בכן בין איך שוין, געלויבט איז זײַן ליבער נאָמען, אַ מטופּל מיט אַ זעצל קינדער און דאָ איז בײַ מיר ניטאָ קיין העלער.

זײַט מיר מוחל, ר׳ אַלטער, וואָס איך שלאָג אײַך איבער די רייד, האָב איך מיך אָנגערופֿן, למאַי האָט איר אויף דער עלטער גענומען אַ יונג ווײַב, זי זאָל אײַך אַזוי פֿיל קינדלען?

גאָט איז מיט אײַך, האָט מײַן ר׳ אַלטער געענטפֿערט, איך האָב דאָך געמוזט נעמען אַ בעל־הביתטע אין שטוב. וואָס וויל דען אַ ייִד אַז ער האָט חתונה? ער וויל נעבעך האָבן אַ בעל־הביתטע...

למאַי זשע, האָב איך געזאָגט, האָט איר געגט אײַער ערשט ווײַב, זי איז דאָך געווען אַ גוטע בעל־הביתטע?

בע, האָט ר׳ אַלטער געענטפֿערט מיט אַ קנייטשל.

בע איז בײַ אונדז ייִדן זייער אַ ניצלעך וואָרט. מיר דאַכט זיך אַז קיין אומה־ולשון האָט ניט אַזאַ וואָרט, וואָס איז אַ תּירוץ אויף אַלע קשיות. בע קען מען געברויכן אַלע צײַט און עס זאָל תּמיד פּאַסן. ר׳ יאָסל אַ שטייגער, דער גלופּסקער ווילדער בעל־עצה, אַז אַ ייִד ווערט צעזעצט רעדנדיק פֿאַר אים און פֿרעגט נאָך דעם זײַן עצה ווי ער זאָל זיך נוהג זײַן, אַזוי אָדער אַזוי, מאַכט ער אַן ערנצט פּנימל און ענטפֿערט: בע, בע, כאָטשע ער האָט גאָר ניט געהערט וואָס מען האָט צו אים גערעדט. דער ייִד אָבער נעמט עס אָן פֿאַר אַ ווילדע קלוגע עצה און גייט אַוועק שטאַרק צופֿרידן. אָדער אַז אַן אומגליקליכער מענטש כאַפּט אַ מאָל אָן ר׳ ניסל דעם שטאָט בורר, סטײַטש איך האָב מיך אין גאַנצן אויף אײַך פֿאַרלאָזט, איר האָט בײַ מיר גענומען געניג געלט, פֿאַר וואָס זשע האָט איר מיך פֿאַרקויפֿט ווי אַ שאָף און אָפּגעשניטן מיר דעם קאָפּ? אַדרבא זאָגט, זאָגט! מײַן ר׳ ניסל ענטפֿערט אויף די אַלע שאלות גאַנץ רויִק: בע... בע... און בלײַבט גערעכט. דער עולם נעמט עס אָן פֿאַר אַ תּירוץ און מאָרגן טאַקע פֿאַרלאָזט זיך אויף אים נאָך איינער. — אַז אַ ייִד לייגט נעבעך אַנידער אַ קערבל פּסק־געלט פֿאַר ר׳ אַבא דעם דיין און פֿרעגט אים אויב עס איז גענוג, פֿאַרקרימט זיך ר׳ אַבא און מאַכט בע... דער ייִד פֿאַרשטייט וואָס ער מיינט און לייגט צו מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ נאָך עטלעכע גראָשן. — אַז מען פֿרעגט אַ מאָל ר׳ עזריאל פּופּיק, טאַקע גאָר גלאַט פֿאַר דרך־ארץ, אויב ער וויל נאָך אַ גלעזל ווײַן אָדער נאָך אַ שטיקל פֿיש, ענטפֿערט ער מיט אַ קנייטשל בע... און מען מוז אים דאָס לעצטע אַוועקגעבן. אַ כּלל בע האָט זייער פֿיל טײַטשן, אַ ייִד קען זיך תּמיד דערמיט אויסדרייען ווען ער איז נעבעך אין דער קלעם. אונדזערע הײַנטיקע שפּראַכן־געלערנטע זאָגן, אַז דאָס וואָרט בע

coins. When someone asks Reb Azriel, just to be polite, whether he'd like another glass of wine or piece of fish, he answers with a coy "Bah!" And then you have to give him the last drop. "Bah" has so many meanings that a Jew can always use it to wriggle out of a tough spot. Language experts of our day tell us that the word "bah" is as old as Balam's ass: when it opened its mouth to speak, it said "Bah, bah!" But I'm getting off the point again.

I, too, had to honor Reb Alter's "Bah!" before asking him to continue his story.

## THREE

"Standing beside my wagon," Reb Alter began, "I watched the town fair. The crowd was thick as molasses, and Jews were busy making a good profit. Among the other merchants I saw Berl Teletse, once a mere teacher's assistant, then a servant, and now the owner of a big shop, favored by fortune and wealth. Over there I saw a Jew running and working himself into a sweat, wearing a cap on his head and raking in money. Then some other people ran by, out of breath – agents, matchmakers, ragtag tailors, hucksters, henwives, all of them with flaming red faces and apparently all on the verge of success.

"Deep down I envied everyone who was making out so well, mining gold – while I, like a *shlimmazl*, stood idly beside my broken-down wagon with my arms folded. Some of my wares, charms and four-cornered fringed garments, were hanging over the sides of the cart. Inside were a few packages of books – Passover Haggadas, prayer books for Shavuot – that were out of season and no one wanted to touch. I was also selling a bit of old brassware, some shofars, yarmulkes spun from yarn for children, and some rags. Silently I cursed myself, the wagon, the printer, my broken-down nag – all of us would be better off dead. I saved the best curses for the printer. If not for him, I



וואַקסט פֿון בלעמס אייזל. בשעת ער האָט אויפֿגעעפֿענט דאָס מויל צו רעדן האָט ער געמאַכט בע, בע! נאָר ניט דאָס אָבער בין איך אויסן.

איך האָב ר׳ אַלטערס בע אויך געמוזט אָננעמען פֿאַר אַ תּירוץ און אים געבעטן ווײַטער צו דערציילן זײַן מעשׂה.

## ג

שטייענדיג לעבן מײַן בײַדל, האָט ר׳ אַלטער אָנגעהויבן צו רעדן, האָב איך מיך גענומען באַטראַכטן דעם יריד. דער נאַראָד איז געווען זייער גרויס, ייִדן זענען געווען שטאַרק באַשעפֿטיקט און געהאַט גאַנץ גרויסע שפּע. צווישן די סוחרים האָב איך געזען בערל טעלעצע, אַ מאָל איז ער געווען אַ בעהעלפֿער, דער נאָך אַ משרת און הײַנט שטייט ער מיט אַ גרויסע קלייט, איז שטאַרק מזלדיק און רײַך. דאָרטן האָב איך געזען לויפֿט אַ ייִדל פֿאַרשוויצט, דאָס מיצל אויף דעם שפּיץ קאָפּ און פֿאַרדינט געלט מיט פֿינף פֿינגער. פֿאַרבײַ מיר זענען געלאָפֿן גאָר אָן אַ נשמה מעקלער, שדכנים, טאַנדעטניקעס, מאַכליאַרקעס, קורלאַפּניצקעס, בײַ איטלעכן האָט געפֿלאַמט דאָס פּנים און עס האָט אויסגעזען, אַז אָט אָט כאַפּן זיי דאָס גליק. איך האָב מיך אין האַרצן מתקנא געווען ווי איטלעכן גייט דאָס מזל, ווי איטלעכער פֿאַרדינט, שעפּט גאָלד, און איך שלימזלדיקער שטיי פֿאַרלייגט די הענט לעבן מײַן צעריסן בײַדל וואָס איז באַהאָנגען פֿון בײדע זײַטן מיט ציצית מיט קמיעלעך און וואָס אינעווייניק ליגן עטלעכע פּעקלעך ספֿרים, הגדות, תּיקון־שבועותלעך, וואָס איצט וויל זיי קיינער ניט נעמען אין די הענט, אַ ביסל אַלט מעש, עטלעכע שופֿרות, קינדערשע בליטשקענע יאַרמעלקעלעך, און נאָך שמאָכטעס. איך האָב אין האַרצן געשאָלטן מיך, דאָס בײדל, דעם דרוקער און מײַן דאַרע שקאַפּע, ניכײַ וואָלטן זיי אויף דער וועלט ניט געווען. דעם בעסטן חלק קללות האָט געכאַפּט דער דרוקער, ווען ניט ער, וואָלט איך ניט געוווּסט פֿון קיין בײַדל פֿון קיין שקאַפּע און פֿון כּל־הצרות.

מחמת גרויס קנאה און חשק ווי עס איז צונויפֿקלאַפּן עטלעכע קערבלעך, איז מיר פּלוצלעם אײַנגעפֿאַלן צו פּרוּוון דאָס מזל און זיך צוכאַפּן פֿאַר אַ נײַ מין עסק — אויסצופֿירן אַ שידוך צווישן צוויי גרויסע סוחרים, פֿײַנע בריות, וואָס זענען געקומען מיט זייערע קלייטן אויף דעם יריד. איר מוזט זיי אפֿשר קענען, איינער איז ר׳ אליקים שאַראָגראַדער, דער אַנדערער ר׳ געצל גריידינגער. איך האָב אין גאַנצן פֿאַרבויגן מײַן עסק מיט ספֿרים און האָב זיך גענומען קאַלאַנדרעווען. כּמעט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצע נאַכט בין איך ווי אַ טשיסטער משוגענער אַרומגעלאָפֿן פֿון איין מחותּן צו דעם אַנדערן. איך האָב געהאָרעוועט, געאַקערט מיט דער נאָז, עס מוז ווערן אַ שידוך, טאַקע אויף דעם יריד. ווו איז נאָך דען דערצו אַ פּאַסנדערער אָרט מער ווי דאָ? גאָט האָט געהאָלפֿן צונויפֿצופֿירן די

wouldn't have known from any wagon, nag, or the rest of my troubles.

"Suddenly, driven by envy and desire, it occurred to me to try my luck at a new trade – making a match between the children of two wealthy merchants, who had brought their goods to the fair. You must know them, one is Reb Elyakim Sharograder, and the other is Reb Getzl Gredinger. I neglected my book trade and spent the next day and night going back and forth between the families like an utter madman, running from one father to the other. I worked at it, nose to the ground, determined to make a match then and there. What more suitable place could there be? God helped out by bringing together the in-laws, who luckily agreed to the dowry and other expenses. Overjoyed, I thought I had the world in my pocket, not to mention the matchmaker's fee. I even started to think how much I would give my poor daughter as a dowry, and I haggled over some fabric for a featherbed.

"But listen to what can happen if luck is against you. When they started to write the marriage contract and needed the names of the bride and groom, it turned out – I can hardly bear to tell you – that it was all a pipe dream. Listen to what can go wrong: both of the families had boys! You can imagine the reward I got from both sides, *vey iz mir,* and how I felt as I left the fair without a penny in my pocket."

I couldn't help it – I burst out laughing and said:

"How's it possible, Reb Alter, that you got mixed up in such an idiotic plan? I don't want to insult you any more than I would my own mother, but how could you make a match before you were sure that one family had a girl and the other had a boy?"

"Of course, don't I know it?!" answered Reb Alter with feeling. "I haven't totally lost my marbles. I knew very well that Reb Elyakim had an unmarried daughter, and once I even saw her with my own eyes. But nothing in the world can help if luck is against you. It was just my



מתותנים. זיי האָבן זיך מיט מזל אויסגעגלײַכט מכּוח נדן און מכּוח קעסט. פֿאַר גרויס שׂימחה האָב איך געמיינט די וועלט איז מײַנע, בײַ מיר איז שוין געווען פֿאַררעכנט דאָס פֿאַרדינסט גלײַך ווי אין קעשענע. איך האָב שוין אַפֿילו געקלערט וויפֿל איך זאָל געבן מײַן בתולה נדן און האָב אויף דעם סמך געהאַנדעלט דרילעך אויף אײַנשיטן. נאָר הערט אָבער וואָס עס קען זיך טרעפֿן אַז עס איז ניטאָ קיין מזל. בשעת מען האָט שוין גענומען שרײַבן די תּנאים און געדאַרפֿט אַרײַנשטעלן די נעמען פֿון חתן־כּלה, לאָזט זיך מיט אַ מאָל גאָר אויס — עס איז גאָר אַ ווייטיק צו דערציילן — לאָזט זיך גאָר אויס בוידעם. ביידע מחותּנים האָבן, הערט נאָר אַן אומגליק, וואָס עס קען געשען, ביידע האָבן —



בחורים!... נו, קענט איר אײַך שוין משער זײַן, וואָס פֿאַר אַ פּסק איך האָב געכאַפּט פֿון ביידע צדדים און מיט וואָס פֿאַר אַ האַרץ איך בין נעבעך אַוועקגעפֿאָרן פֿון דעם יריד. אַ גראָשן האָב איך דען אין קעשענע, אַז אָך און וויי איז מיר!

luck that Reb Elyakim's girl decided to get married in a hurry last year. I hadn't heard anything of it. So when I planned a match between Reb Elyakim and Reb Getzl, I was thinking of Elyakim's girl and Getzl's boy. No need to spell it out – it seemed so simple there was nothing more to say. Two boys don't get hitched up, obviously it would be a boy and a girl, the way of the world. I think I acted as befits the trade, and I swear no one could have done it better. I went straight to the heart of the matter: dowry, wedding gifts, and other expenses. Don't forget that at a fair there's no time to mince words, you keep it brief and to the point. Reb Elyakim himself must have assumed that, if there was going to be a match, it had to be with his son. How could it be any other way? He knew that Reb Getzl would be his in-law, but how could that be? Neither of them had a girl to marry off. Now you see what goes on in the world and how I got into such a mess. Take it from me, nothing you do will succeed unless you have luck. The devil put me up to it, and I got what was coming to me."

Poor Reb Alter lay there quietly, licking his wounds and beset by cares. His story brought to mind many things about arranged marriages among Jews. I decided to talk with Reb Alter and draw him out of his gloom.

"Yes, Reb Alter, yes," I said, "anything can happen in this world. I want to tell you a fine tale about what goes on among Jews."

Reb Alter wiped the sweat from his face with his sleeve. Then he stretched himself out under the tree, smoking his small pipe. I coughed a few times, drove away some mosquitoes, and started to tell the following story.... PT

---

*Mordicai Gerstein has written and illustrated many acclaimed picture books, including* The Mountains of Tibet, The Shadow of a Flying Bird *and, most recently,* Jonah and the Two Great Fish. *He lives and works in Western Massachusetts.*

איך האָב מיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פֿון געלעכטער און זיך אָנגערופֿן: סטײַטש ר׳ אַלטער, איך בעט אײַך איבער ווי אַן אייגענע מוטער, ווי פֿאַלט איר אויס צו טאָן אַזאַ שטותערײַ צו רעדן אַ שידוך איידער איר ווייסט ווער פֿון די מחותּנים האָט אַ מיידל און ווער אַ ייִנגל?

אַוודאי, פּשיטא! האָט ר׳ אַלטער געענטפֿערט מיט האַרץ, איך האָב נאָך כלעבן אויך אַזוי פֿיל שׂכל ווי אַנדערע. איך האָב בפֿירוש געוווּסט אַז ר׳ אליקים האָט אַ בתולה און האָב זי נאָך אַליין געזען מיט מײַנע אויגן, איך זאָל אַזוי זען גוטס, נאָר אַז עס איז ניטאָ קיין מזל העלפֿט גאָר ניט קיין חכמות. דאַרף גראָד ר׳ אליקימס מיידל קיין צײַט ניט האָבן און אויף צעזעצעניש חתונה האָבן מיט אַ יאָר פֿריִער. איך האָב דערפֿון לחלוטין גאָר ניט געוווּסט. הײַנט אַז איך בין געקומען רעדן אַ שידוך ר׳ אליקימען מיט ר׳ געצלען האָב איך דערונטער געמיינט ר׳ אליקימס בתולה מיט ר׳ געצלס בחור. אַרויסרעדן דאָס בפֿירוש איז דאָך אַן איבעריקע זאַך, וואָרעם די קשיא איז דאָך פּשיטא, וואָס לאָזסטו מיך הערן? מסתּמא נעמען זיך ניט קיין צוויי זכרים, ווי דען זשע אַ בחור מיט אַ מיידל, אַזוי ווי דער שטייגער איז פֿון דער וועלט. דאַכט זיך איך האָב מיך נוהג געווען ווי עס געהער צו זײַן, קיינער אויף נאמנות וואָלט בעסער ניט געהאַנדלט, איך האָב גערעדט עיקר־הדבֿר, מכּוח נדן, מכּות מתּנות און קעסט. דערבײַ דאַרפֿט איר ניט פֿאַרגעסן, אַז אויף אַ יריד קען מען גאָר ניט רעדן איבעריקע ווערטער, בײַזאַכן, נאָר דעם תּמצית, דאָס געשעפֿט אַליין. ר׳ אליקים ווידער האָט זיכער געמיינט, מסתּמא אַז מען רעדט אים אַ שידוך מיינט מען אַוודאי דערונטער זײַן בחור, וואָרעם ווי קען עס זײַן אַנדערש? אים אַליין רעדט מען דען מיט ר׳ געצלען? ווי שיקט זיך עס? און ווּ האָט ער אַ מיידל?... הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין מײַן אומגליק, וואָס אויף דער וועלט קען זיך טרעפֿן? פֿאַרשטייט איר שוין הײַנט, אַז עס איז ניטאָ דאָס פּיצעלע מזל טויג ניט אַלע חכמות. דער שוואַרץ־יאָר האָט מיך געטראָגן זײַן אַ שדכן. רעכט אויף מיר, רעכט!

ר׳ אַלטער איז נעבעך געבליבן ליגן שטיל אין געהאַקטע ווּנדן, זייער פֿאַראומערט, פֿאַרזאָרגט. זײַן מעשׂה האָט מיך דערמאָנט אַ סך זאַכן פֿון ייִדישע שידוכים, איך האָב מיר פֿאָרגענומען שמועסן מיט ר׳ אַלטערן, כּדי אַרויסצושלאָגן אים פֿון דעם קאָפּ זײַן מרה־שחורה. יאָ, יאָ, ר׳ אַלטער, האָב איך געזאָגט, אַלצדינג טרעפֿט זיך אויף דער וועלט, איך בין אויסן אײַך צו דערציילן זייער אַ שיינע מעשׂה, וואָס אונטער ייִדן קען זיך פֿאַרלויפֿן.

ר׳ אַלטער האָט מיט איין עק אַרבל פֿון דעם העמד אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון זײַן פּנים און נאָך דעם אַז ער האָט פֿאַררייכערט זײַן ליולקעלע מיט אַ קליין ציבעכל האָט ער זיך ווי גרויס ער איז אויסגעצויגן אונטער דעם בוים. איך האָב מיך אויסגעהוסט, אַראָפּגעטריבן פֿון מיר די קאָמאַרן און אָנגעהויבן צו דערציילן די דאָזיקע מעשׂה.... PT

